ת"ת תורה ויראה
דרב"י מסאטמאר
קרית יואל
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת

# זקניך ויאמרו לך

גליון
תתקל"ט
חג השבועות
שנת תשפ"ו לפ"ק

ז' תתיא) עס דערציילט אונזער זיידע
**הרה"ג ר' נח גפן שליט"א** שו"ב

## לא תתני ענוה דאיכא אנא...

עס איז געווען אמאל אין די טעג פאר שבועות ווען איך האב באגלייט **כ"ק מרן רבינו הגה"ק הברך משה זלה"ה**, און מיר האבן גערעדט אין די סוגיא פון 'חדש' וואס מ'האט געלערנט לכבוד יו"ט, און דער רבי האט מיר געזאגט א חידוש עצום ווי אזוי ער האט פארענטפערט א שווערן רמב"ם אין די סוגיא, עס איז געווען א שארפער בליץ. ביי מיר איז געווען זיכער אז דער רבי וועט זאגן דעם חידוש ביים 'קרעפל פשטל'.

למעשה האט דער רבי געזאגט ביים טיש א צווייטן חידוש.

האט מיר דערציילט דער ראה"כ הרה"ג ר' **נפתלי הירצקא צוויבל** שליט"א - וועלכער האט אין יענע יארן געלערנט מיטן רבי'ן בחברותא - אז ער האט געפרעגט דעם רבי'ן פארוואס ער האט נישט געזאגט דעם שטארקן חידוש נפלא וואס ער האט געהאט מחדש געווען אין די סוגיא.

האט דער רבי געענטפערט מיט זיין נאטורליכע פשטות **"מ'דארף נישט אלעם זאגן"...**

ז' תתיב) עס דערציילט אונזער זיידע
**הרה"ח שלום פעקעטע ז"ל** משב"ק

## שבע שבתות תמימות תהיינה

דער **רבי זלה"ה** איז געווען זייער באהאלטן אין זיינע הייליגע הנהגות, אבער ווען מ'האט אים באטראכט און נאכגעקוקט האט מען געקענט באמערקן דברים נפלאים.

אין די תקופה וואס איך האב זוכה געווען לשרת בקודש, האב איך באמערקט אז מידי שנה בשנה, פלעגט דער רבי מאכן קידוש בליל התקדש חג השבועות, גענוי אויפן זייגער די זעלבע צייט וואס ער האט געציילט ספירה ביים צווייטן סדר נאכט, ווארשיינליך איז דאס געווען כדי עס זאל זיין 'תמימות'. (מעגליך אז אין די שפעטערע יארן איז געווען אנדערש). אויך הגה"צ מפאיע ז"ל, און הרה"ג ר' שלום אליעזר ווייס ז"ל ראה"כ האבן געזאגט אז זיי האבן דאס באמערקט.

אגב, האט דערציילט הרה"ח ר' אברהם שמואל ענגלענדער ע"ה אז ער פלעגט זיין צווישן די 'משוררים' ביים רבי'ן ז"ל, דער רבי פלעגט פון אים בארגן א זייגער ווען ער פלעגט צוגיין צום עמוד אין די הייליגע טעג.

האט ער באמערקט אז דער רבי האט אויסגערעכנט אז די **'תקיעה'** מוצאי יום הקדוש נאך נעילה, זאל זיין גענוי אויפן זייגער 24 שעה נאכן זאגן ברכת **'שהחינו'** פאר מעריב ליל כל נדרי.

ז' תתיג) עס דערציילט אונזער זיידע
**הרה"ח ר' יצחק יעקב כ"ץ שליט"א**

## ס'איז נאך ספירה...

איך האב געהערט פון **הרב החסיד ר' שלום פעקעטע** זלה"ה משב"ק.

אין די תקופה וואס איך האב זוכה געווען לשרת בקו"פ ביי **כ"ק מרן רביה"ק** זלה"ה, איז געווען ערב שבועות פארנאכטס, ווען די רביצין ע"ה האט מיר איבערגעגעבן א נייע שטריימל וואס איך זאל געבן פארן רבי'ן בעפאר ער גייט אין ביהמ"ד, אז ער זאל דאס אנטוהן לכבוד יום טוב.

עס איז געווען שוין גאר שפעט צום זמן ווען דער רבי איז געגאנגען דאווענען מנחה ליל שבועות, ווען איך האב איבערגעגעבן דעם נייעם שטריימל האט דאס דער רבי נישט אנגעטון.

איך האב געטראכט אז דער רבי וועט דאס אנטוהן שפעטער פאר קידוש, אולי וויל ער אנטוהן א נייע מלבוש פאר 'שהחיינו', אבער דער רבי האט געגעבן א שאקל מיטן קאפ און געזאגט **"ס'איז נאך ספירה"...**

נאך מנחה איז דער רבי געגאנגען אין מקוה, דארט איז געווען צוגעגרייט פארן רבי'ן נייע בגדים, נייע שיך, זאקן, הערשט דעמאלטס האט דער רבי באנייט פרישע בגדים.

ז' תתיד) עס האט דערציילט אונזער עלטער-פעטער
**הרה"ח ר' שמואל דוד הכהן מאשקאוויטש ע"ה**

## מתוך הכתב יקרא

איך האב געהערט פון **הרה"ח ר' שלום פעקעטע** ע"ה משב"ק, אז יעדן טאג פארן דאווענען, אדער ביי ברכת התורה פלעגט דער רבי קוקן אין בארדיטשובער סידור ביי 'ברוך ד' לעולם' א לענגערע צייט, ארום פופצן מינוט און ער איז געווען שטארק פארנומען דערמיט. דער רבי האט געהאט א עקסטערע 'בארדיטשובער סידור' (תפילה ישרה) סיי אינדערהיים און סיי אין ביהמ"ד.

איינמאל ביינאכט האט הרה"ח ר' יוסף אשכנזי ז"ל משב"ק אנגעזאגט פאר ר' שלום אז מארגן צופרי דארף אנקומען א איד פון די מרחקים, און ער פארט באלד ווייטער, וועט מען איהם דארפן אריינלאזן צום רבי'ן פארן דאווענען. און ער האט געזאגט אז 'דער רבי ווייסט דערפון'...

דער איד איז אנגעקומען און ר' שלום האט איהם אריינגעלאזט. נאך א קורצע ווילע איז דער איד איז ארויסגעקומען זאגט ער "דער רבי זאגט עפעס, איך פארשטיי נישט וואס ער זאגט"...

ר' שלום האט זיך געכאפט אז דער רבי פלעגט נאך ברכה"ת זאגן זאכן וואס מ'האט נישט פארשטאנען וואס ער זאגט. ער קוקט אריין אין צימער און ער זעהט אז דער רבי האלט נאך אינמיטן זאגן. האט ער געהייסן דעם איד ווארטן אינדערויסן, און ווען ער האט געזעהן אז דער רבי האט געענדיגט זאגן האט ער אים אריין געשיקט.

שפעטער קומט דער איד צוריק ארויס, און זאגט "דער רבי רופט ר' שלום"... ר' שלום איז אריין, און דער רבי האט נישט גערעדט נאר ער האט געווינקען מיט די האנט. ר' שלו' רופט ארויס דעם איד און פרעגט אים 'וואס איז געווען?', זאגט ער איך האב עפעס געפרעגט דעם רבי'ן און דער רבי האט געזאגט 'איך קען נישט ענטפערן אויסנווייניג'... און דאן האט דער רבי געהייסן דיך רופן.

האט ר' שלום געזאגט "לאמיר שרייבן א קוויטל". ער האט טאקע געשריבן א קוויטל, דער איד איז ווידער אריין צום רבי'ן, און דער רבי האט געענטפערט א קלארע תשובה.

ז' תתטו) עס דערציילט אונזער זיידע
**הרה"ח ר' יושע מענדלאוויטש שליט"א** משב"ק

## חג השבועות בצילא דמהימנותא -וילוו את המלך בצאתו

מיר וועלן דא איבערגעבן פארשידענע מנהגי קודש פון כ"ק **מרן רביה"ק** זלה"ה פון חג השבועות.

א. דער נוסח פון **'אקדמות'** האט **רבינו הדבר"י** ז"ל געזאגט צוטיילט אויף צוויי נוסחאות, די ערשטע העלפט - בערך ביז נאך די א' ב' - האט ער געזאגט א נוסח וואס ענדלט צום **'לדוד מזמור'** נוסח סיגעט. די צווייטע העלפט, געווענליך פון **'מנן ומן הוא רחימך'**, האט ער געזאגט בנוסח העולם.

ב. **רבינו הדבר"י** האט געזאגט **'אקדמות'** מעוטר מיטן שטריימל אויפן קאפ, אזוי ווי ביים ליינען יעדן שבת. אבער **רבינו הבר"מ** האט געזאגט **'אקדמות'** מיטן טלית אויפן קאפ, און האט אזוי געליינט די קריאה פון 'כהן', הערשט דערנאך בשעת מ'האט געמאכט די 'מי שברך' האט ער זיך אראפגעזעצט און אנגעטוהן דעם שטריימל, און אזוי ווייטער געליינט דאס גאנצע ליינען מיטן שטריימל. (אגב, שב"ק איז געווען פארקערט, רבינו הדבר"י - ווען ער האט נישט געדאווענט פארן עמוד - האט אנגעהאט דעם טלית ביי חזרת הש"צ ביז קדיש, הערשט דעמאלט האט ער אנגעטוהן דעם שטריימל, אזוי אז 'שמע ישראל' האט ער שוין געזאגט מיטן שטריימל אויפן קאפ, אבער רבינו הבר"מ פלעגט אנטוהן דעם שטריימל גלייך נאך קדושה).

ג. שבועות בייטאג נאכן ענדיגן דעם **'קרעפל פשטל'**, איז שוין געווען גאר שפעט נאכמיטאג, ממילא איז דער רבי נישט אהיים נאכן טיש, נאר אריין אין זיין חדר מיוחד בביהמ"ד אויף א קורצע ווילע, און גלייך דערנאך אריין געקומען צום 'מיטאג סעודה' וואס איז אויך געווען דער 'תנאים טיש' (ס'איז טאקע נישט געווען ביי דעם טיש א גרויסער ציבור, ווייל ס'איז נישט געווען קיין צייט צו עסן די סעודה), און נאכן טיש האט מען גלייך געדאווענט מנחה.

נתנדב לעילוי נשמת הרב החסיד רבי **עקיבא צבי** ב"ר **ברוך יהודא** ז"ל (ר' עקיבא'לע גאנץ) • היארצייט ד' סיון

נאך מנחה איז דער רבי אהיים געגאנגען, דער ציבור אין ביהמ״ד האט געדאווענט מעריב, דער רבי האט ערשט געדאווענט מעריב עטליכע שעה שפעטער אין קליינעם ביהמ״ד בביתו נאוה קודש, און גלייך נאכן דאווענען געפירט טיש דארט אויפן פלאץ, מיט די אורחים וועלכע האבן דארט מיטגעגעסן די סעודה.

ד. דעם צווייטן טאג שבועות האט מען געענדיגט פריער, ממילא איז דער רבי יא אהיים געגאנגען נאכן דאווענען און דארט קידוש געמאכט, און שפעט נאכמיטאג איז דער רבי אריינגעקומען צום 'מיטאג סעודה' אין גרויסן ביהמ״ד, דארט איז שוין געווען א גרויסער ציבור.

אין יענע יארן איז נאך נישט געווען דער מושג פון '**נעילת החג**' טיש, נאר די מיטאג סעודה פון לעצטן טאג יו״ט איז געווען כמו '**נעילת החג טיש**'.

ביים דעם טיש פלעגט דער רבי מכבד זיין הרב החסיד ר' יקותיאל הערש ווערצבערגער ז״ל צו פארזינגען '**מלך רחמן**', נאך די תורה האט דער רבי פארגעליינט די '**כתובה**', און מ'האט געזינגען '**ובאו כולם**' '**עליונים ששו**' ועוד. ביי די ניגונים איז דער רבי געווען שטארק מרוגש, ס'איז געווען עטליכע מאל וואס דער רבי האט שלא כהרגלו זיך גענומען קלאטשן מיט די הענט.

נאכן טיש האט מען געדאווענט מנחה, און ביים זמן געדאווענט מעריב, געמאכט 'הבדלה', דערנאך איז געווען א גרויסע 'באגלייטן'. (בערך דער סדר איז געווען אלע שלש רגלים).

ה. אין די ערשטע יארן פלעגן מען האלטן ברענעדיגע פאקלן ביים באגלייטן, אבער שפעטער ווען דער ציבור איז נתרבה געווארן בליעה״ר, איז געווארן א סכנה (איינמאל האט זיך א בוים אנגעצינדן, און ס'איז געווארן א שריפה), האט דער רבי געהייסן אויפהערן נוצן פאקלן.

ו. דער סדר פון באגלייטן איז געווען, אז מ'האט אפגעשפארט די בעדפארד גאס פון בית המדרש ביז צו ביתו נאוה קודש ביי קליימער סט. דער עולם האט באגלייט דעם רבי'ן גייענדיג אויף די ברייט פונעם גאס, גייענדיג האט מען געזינגען דעם ניגון '**טובים מאורות**', און אינמיטן האט מען געטוישט צום ניגון '**כי רוצה ה' בעמו**' (ביידע ניגונים האט מען געזינגען אן די ווערטער).

ווען דער רבי איז אנגעקומען צו ביתו נאוה קודש, איז ער ארויף צו זיין שטוב און צוגעגאנגען צום פענסטער, דער רבי האט זיך אוועק געזעצט, און דער עולם האט ווייטער געזינגען, נאך עטליכע מינוטן האט דער רבי זיך אויפגעשטעלט און אנגעווינטשן - ס'איז נישט געווען קיין מייק, מ'האט נאר 'געזעהן' ווי דער רבי ווינטשט אן.

תיכף דערנאך האט, געוועגליך, הרה״ח רבי מרדכי לייב טירנויער ע״ה אויסגעשריגן "**יחי אדוננו מורינו ורבינו**", און דער עולם האט נאכגעשריגן 'יחי', אזוי איז געווען דריי מאל, דאן איז דער עולם זיך צוגאנגען.

ז. אגב: אין איינע פון די ערשטערע כ' יארן, האבן די בחורים באשלאסן אז וויבאלד די גאס איז סיי ווי אפגעשפארט, און דער גאנצער עולם גייט דאך צוריק צום בית המדרש צוזאמען, פארוואס זאל מען צוריק גיין שטיל און שמועסן, זאל מען שוין זינגען אויך, מ'האט טאקע אזוי געטוהן און מ'האט געזינגען '**לשנה הבאה בירושלים**', ביז דער עולם איז אנגעקומען צוריק צום בית המדרש.

דער רבי האט געהערט ווי דער עולם זינגט, האט ער געפרעגט דעם 'הויז בחור' וועלכע ווערטער מ'זינגט? האט ער איבער געזאגט די ווערטער: **ישועת ה' כהרף עין, לשנה הבאה בירושלים, אנא ה' הושיעה נא, לשנה הבאה בירושלים הבנויה.**

האט דער רבי אים געפרעגט 'פון וואו נעמט מען דעם נוסח', האט ער געענטפערט 'ווייל עס גראמט', האט דער רבי תיכף געזאגט '**אויפן גראם קען מען דאך זאגן אנדערש, שפכי לבך כמים, לפני אבינו שבשמים, ישועת ה' כהרף עין, לשנה הבאה בירושלים**'.

דער הויז בחור האט דאס איבער דערציילט, און דער גאנצער ציבור האט טאקע געטוישט די ווערטער פונעם ניגון, און ס'איז אזוי געבליבן אלע יארן.

ח. ביי **רביה״ק הברך משה זלה״ה** האט מען אום יו״ט אפגעדאווענט היפש צייטליך, ממילא האט דער רבי געפירט די מיטאג סעודה פריער, איז דער רבי נאר אריינגעקומען אין ביהמ״ד צו א פירות טיש, שוין נאך תפלת מנחה, דעם טיש האט מען גערופן "נעילת החג טיש".

נאך מעריב און הבדלה, איז פארגעקומען א גרויסע 'באגלייטן', פון ביהמ״ד ביז ביתו נאוה קודש, אנקומענדיג אין שטוב איז דער רבי ארויף אויפן גאניק (פארטש), און געשטאנען עטליכע מינוט ווילאנג דער עולם האט געזינגען, דערנאך האט דער רבי אנגעוואונטשן אויפן זעלבן סדר.

ט. **מרן רבינו שליט״א** האט זיך עטליכע מאל אויסגעדרוקט, אז ס'איז אים נישט ניחא צו מאכן אזא מצב פון 'באגלייטן', ס'קען אויסקומען אז מ'איז מער פארנומען מיטן טפל ווי מיטן עיקר רוחניות פונעם יו״ט.

געווען איז דאס איינמאל ערב שבועות נאכמיטאג ווען דער רבי איז געגאנגען אין מקוה, האט ער געזעהן ווי מ'האט געברענגט א ריזיגן טראק פארנט פון ביהמ״ד, און ארויפגעבויט דערויף א גאנצע געביידע, האט דער רבי מיך געפרעגט 'וואס איז דאס?', האב איך אים געזאגט אז דאס איז צום באגלייטן פון מוצאי יו״ט, האט דער רבי געזאגט מיט צער '**עס קומט אזא גרויסער הייליגער יום טוב, און מ'מאכט א עיקר פונעם טפל?!**'.

און האט געהייסן עס אוועקנעמען פון פארנט פון ביהמ״ד און עס לייגן אין די זייט, כדי מ'זאל יו״ט נישט זיין פארנומען מיט די זאכן, נאר מיטן קדושת החג.

י. דאס ערשטע יאר וואס **כ״ק מרן רבינו שליט״א** האט געפראוועט שמחת תורה אין וויליאמסבורג נאכן איבער נעמען דעם כתר ההנהגה, איז פארגעקומען א ריזיגע באגלייטן, פון ביהמ״ד אויף הופער סטריט ביז ביתו נאוה קודש אויף יוז סטריט, דער רבי איז ארויסגעקומען אויפן גאניק (פארטש), און אנגעוואונטשן פאר ציבור.

אבער צוליב די שמאלע גאס און דער ריבוי הציבור בליעה״ר איז דארט צוגעקומען צו א מצב פון סכנת נפשות. נאכן באגלייטן ווען דער רבי איז אריין אין שטוב, האט ער געזאגט 'מען דארף מבטל זיין דאס באגלייטן'.

דאס קומענדיגע יאר שמחת תורה צופרי פאר שחרית, האט **כ״ק רבינו שליט״א** צוגערופן די גבאים פון ביהמ״ד, און געזאגט "מ'זאל אויסרופן אז יעדער זאל אהיימגיין נאך מעריב, איך וויל נישט בשום אופן קיין באגלייטן".

נאך שחרית איז צוגעקומען צום רבי'ן דער ראש הקהל להבחל״ח הרה״ח ר' יצחק ראזענבערג ע״ה, און געבעטן אז אויב נישט 'א באגלייטן' זאל כאטש דער רבי מסכים זיין צו ארויסקומען אויפן טעראסע (קליינע פארטש) פון בית המדרש, און וואונטשן "א גוט יאר" פארן ציבור דערנאך וועט יעדער אהיימגיין, דער רבי האט מסכים געווען, וכן הוה. (יענעם יאר נאכן געזעגענען פון די סוכה האט כ״ק רבינו שליט״א מכריז געווען ברבים לכל הקהל הקודש אז ער וויל אפשטעלן דאס באגלייטן).

שפעטער איז דאס שוין אזוי געבליבן - אויך דא אין קרית יואל - מוצאי שמחת תורה און מוצאי שבועות, ווען ס'איז אויך דא א ריזיגער ציבור געסט אויף יו״ט, אבער מוצאי פסח זאגט דער רבי די דברי נעילה וההדרכה אין ביהמ״ד ביים סעודת נעילת החג.

---

ז' תתטז) עס דערציילט אונזער זיידע

**הרה״ח ר' שלום אליעזר פראנקעל הי״ו** גזבר דקהלתינו הק'

---

## <u>א אידישער צלם...</u>

אין אנטווערפן האט געוואוינט הרה״ח ר' **מענדל יוסף נויגרעשל** ז״ל, ער איז געווען פון די גרויסע מקורבים לבית פשעווארסק. ער האט זוכה געווען צו עשירות א דאנק א ברכה וואס ער האט באקומען פון **הרה״ק רבי איציקל זלה״ה**.

איינמאל ווען רבי איציקל איז אריבער זיין פלאץ ביים דאווענען, האט ער באמערקט אז ער האט א 'מגן דוד' אויפן טלית בייטל. האט ער אים שטילערהייט א זאג געטון "ביי אונז רופט מען דאס א אידישער צלם"...

ב. עס איז געווען אמאל פרייטאג צונאכטס נאך קידוש, האט אים רבי איציקל און געפרעגט "מענדל יוסף, זאג מיר, וואס האב איך אינזינען געהאט היינט ביי קידוש?!".

ר' מענדל יוסף האט געצויגן מיט די פלייצע "כ'ווייס נישט, וואס פארשטיי איך צו כוונות פון צדיקים ביי קידוש?!"...

זאגט אים רבי איציקל "כ'וועל דיר זאגן, איך האב באמערקט אז עס שטייט אין די זייט א איד א גרויסער נצרך, האב איך געטראכט אז כ'וועל בעטן פון דיר געלט פאר דעם איד"...

---

ז' תתיז) עס דערציילט אונזער זיידע

**הרה״ג ר' אברהם שמחה הכהן פריעדמאן שליט״א**

---

## <u>מכאן שנתנה רשות לרופא</u>

בשנת תשי״א איז געווען אמאל ווען כ״ק מרן רביה״ק זי״ע האט זיך נישט גוט געשפירט, און דער **סקווערער רבי זלה״ה** איז אים געקומען מבקר חולה זיין.

מיין שווער **הרהח ר' אהרן הכהן פאללאק** ז״ל איז דארט געווען בשעת מעשה, און מיטגעהאלטן דעם שמועס. האט ער דערציילט אז דער סקווערער רבי האט געזאגט פארן רבי'ן בתוה״ד אז עס ווערט געברענגט אין די ספה״ק אז דער רבש״ע שיקט א מחלה פאר א צדיק, כדי אז מיטן נעמען די מעדיצינען זאל ער מעלה זיין די ניצוצות וואס ליגט אין דעם מעדיצין.

האט דער רבי געזאגט "מיט דעם קען מען פארשטיין וואס די גמרא זאגט (בבא קמא פ״ה) **ורפא ירפא, מכאן שנתנה רשות לרופא לרפאות**", לכאורה כדי צו ארויסלערנען דעם לימוד וואלט גענוג געווען עס זאל שטיין נאר איינמאל '**ירפא**', פארוואס פעלט אויס א כפל הלשון? אבער לפי זה איז פארשטענדליך, ווייל דאס ערשטע מאל וואלט געמיינט נאר אז די צדיקים זאלן מעלה זיין די ניצוצות, אבער דאס צווייטע מאל לערנט ארויס אז דער רופא האט אויך רשות צו היילן".

---

**כל הזכיות שמורות למערכת זקניך ויאמרו לך:** צו איבערגעבן הערות, סיפורי צדיקים - מנדב זיין א גליון לעילו נשמת, אדער נעמען א טייל אינעם קומענדיגן חלק וואס גייט בקרוב אין דרוק בס״ד: ביטע רופט די מערכת Tellerkj@gmail.com/845-783-0735